#12

# בליצן

נטרונא
True Torah Jews

מאמענטאלע
נייעס
פון נטרונא

פרשת לך לך תשע"א לפ"ק

True Torah Jews • 183 Wilson Street, suite 162 • Brooklyn NY 11211 • Tel: (718) 841-7053 • Fax: (718) 504-4513

# וועלט אויגן געוואָנדן אויף חרדי'שע דעפּוטאַטן צו אַנטשיידן אויב שלום געשפּרעכן וועלן אצינד איבערגעריסן ווערן

**פרומע אידן יובּיליאירן ביי ענדע פון בוי איינפרירונג; קעגנזייטיגע מעסעדזשעס און שאַרפע תנאים פון ש"ס האַלט געשפּאַנט דיפּלאָמאַטן; גייסטישער פירער ציטירט אין חרדי'שע בלאָג אַז פרישע בוי איינפרירונג קען פירן צו 'האָלאָקאָוסט'; פרישע געזעץ אויף אַראַבער צו שווערן געטריישאַפט צו 'אידישע' מדינה שלעפּט מער אַריין כלל ישראל אין זייערע צרות**

---

## נטרונא פאָלגט נאָך דעם מצב און רעאַגירט צו אַנטוויקלונגען אָפּצושלאָגן שרעקליכן חילול ה' און האַס קעגן פרומע אידן

---

ירושלים – נאָך גרויסע באַמיאונגען צוריק איינצופּעדימען שלום געשפּרעכן, וואָס האָט געברענגט אַ באַגעגעניש מיט עטליכע וואָכן צוריק צווישן דעם ראש הכופרים מיט דעם פּאַלעסטינער פירער אין וואַשינגטאָן, שטייט איצט פּרעזידענט אָבאַמאַ און די גאַנצע וועלט און וואַרט צו הערן דעם באַשלוס פון די פרומע ש"ס פּאַרטיי, צי זיי וועלן ערלויבן אַ פאַרלענגערונג פון די בוי איינפרירונג, אין וועלכע עס איז געוואָנדן צי די שלום געשפּרעכן וועלן ווייטער פאָרגעזעצט ווערן. דערווייל קומען קעגנגעזעצטע באַריכטן צי זיי וועלן שטימען דערפאַר אָדער דערקעגן, און אפילו אויב זיי וועלן יאָ שטימען דערפאַר, ווערט קלאָר געשטעלט אַז דאָס וועט קומען מיט האַרבע תנאים און באַגרעניצונגען. דער פאַקט אַז אַלעס הענגט אויף די חרד'ישע פאַרטיי, ברענגט ליידער ווידער אַמאָל אַ שוואַרצן אימעזש פאַר אַלע פרומע אידן, אַז זיי זענען די גרעסטע עקסטרעמיסטן און זיי זענען די וועלכע גיסן אויל צום פייער אינעם מיטל מזרח.

> ...עס איז מערקווידיג אַז אַן אַראַבישער חבר הכנסת חנין זועבי איז ציטירט געוואָרן אין סי.ען.ען. אַז דאָס געזעץ "דיסקרימינירט נישט בלויז צווישן אידן און נישט אידן. עס דיסקרימינירט אויך צווישן ציונ'יסטישע אידן און נישט-ציונ'יסטישע אידן," וועלכע זענען קעגן באַצייכענען די מדינה אַלס אַ אידישע...

אין די לעצטע וואָכן האָבן זיך ליידער צוריקגעקערט אויף גאָר אַ שטאַרקן פאַרנעם נייעס באַריכטן וועלכען ווידערהוילן אַז פרומע אידן זענען דער גרעסטער שטער צום שלום. די נייעסן – וועלכע פיגורירן אויפן אויבענאָן פון מיטל מזרח נייעסן - איז געקומען צו אַ קלימאַקס פאָריגע סוף וואָך, ווען די אַראַבישע ליגע האָט געגעבן נאָך איין חודש פאַר מאַכמוד אַבאַס נישט איבערצוהאַקן די געשפּרעכן, צו געבן אַ געלעגנהייט פאַר נתניה צו באַנייען די בוי איינפרירונגען אין די שטחים.

אין די צייט וואָס די אַראַבער האָבן שוין אַרויסגעוויזן נאָכגעביקייט, האָט נתניה געזאָגט אַז ער קען נישט דורכפירן אַ פאַלענגערונג אין די בוי איינפרירונג, וויבאַלד אָן די רעליגיעזע ש"ס פאַרטיי האָט ער נישט גענוג שטימען דערפאַר.

דאָס האָט געווענדעט אַלעמען'ס אויגן צו ש"ס, פון וואו עס זענען דערווייל געקומען קעגנגעזעצטע מעלדונגען:

אריאל אַטיאַס, דער האַוזינג מיניסטער פון ש"ס און אַ זיכערהייט קאַבינעט מיטגליד, האָט געמאָלדן אַז זייער פירער עובדיה יוסף האָט זיי באַפוילן נישט צו שטימען קעגן אַ זעכציג טעג פאַרלענגערונג אין די בוי איינפרירונגען, אָבער בלויז בתנאי אַז אַמעריקע פאַרשפּרעכט אַז דאָס איז דער לעצטער בוי אָפּשטעל (טייל געבן אָן אַז ער האָט אפילו באַפוילן צו שטימען פאַר אַזאַ פאָרשלאַג, אָבער אין די מער קראַנטע באַריכטן זעט אויס אַז ער האָט בלויז געזאָגט אַז מ'זאָל זיך אָפּהאַלטן פון שטימען);

←

ווידער אלי ישי, דער אינערן מיניסטער און פירער פון די פאַרטיי, האט אַרויסגעגעבן אַ סטעיטמענט אַז "הרב יוסף שטעלט קלאָר אַז ש"ס וועט זיך קענגשטעלן סיי וועלכע איינפירונג, אפילו פאַר צוויי חדשים, און די איבריגע ש"ס מיניסטאָרן זענען אָנגעוויזן געוואָרן זיך אַזוי אויפצופירן."

אין די צייט וואָס די אַזוי גערופענע פסק הלכה איז דערווייל אומקלאָר, צוליב די שווערע סתירה, איז אָבער איין זאַך ליידער קלאָר: אין אַלע דיפּלאָמאַטישע קרייזן און סיי ווער עס פאָלגט נאָך די נייעס זעט אַז די פרומע אידן זענען די וואָס שטעלן די שלום געשפרעכן אין ריזיקע. דאָס שטעלט ליידער דעם גאַנצן כלל ישראל אין אַ פינסטערן ליכט, ותוצאותיה מי ישורנה?!

ווען פרעמיער נתניה איז מאָנטאָג אַרויסגעקומען מיט אַ נייעם פאָרשלאָג, צו פאַרלענגערן די בוי איינפירונג מיט'ן באַדינג אַז די פאַלעסטינער אָנערקענען אַז מדינת ישראל איז "דער נאַציאָנאַלער היימלאַנד פון די אידישע מענטשן," האט די אַסאָשיעיטעד פרעס אָנגעוויזן אַז נתניה מוז עס טאָן, זייענדיג אונטער דרוק פון די רעליגיעזע פאַרטייען.

## פרומע יובעליאירן ביים אויסלויף פון בוי איינפירונגען און פאַררופן זיך אויף תורה

דאָס פאָלגט נאָך עטליכע וואָכן וואָס די פרומע ווערן צום באַדויערן געזען אַלס די הויפּט עקסטרעמיסטן, און אויך פרייע אפיקורסים הענגען אָן זייער נאַציאָנאַליזם אויף די תורה הקדושה, ה"י.

"אידישע סעטלערס געבן אָן 'ביבלישע' (תנ"ך) געבורט רעכט צו לאַנד," האט זיך געליינט אַ 'ראַיטערס' קעפל זונטאָג חול המועד, ווען די אָריגינעלע בוי איינפירונג איז אויסגעלאָפן. דער גאַנצער אַרטיקל פון די אינטערנאַציאָנאַלע נייעס אַגענטור איז באַזירט אויף די רייד פון אַ 'יצהר' פירשפרעכער, אברהם בנימין, אַ רעליגיעזער איד, וועלכער זאָגט אַז אידן גלייבן אַז "ארץ ישראל געהערט צו אידן... דער תנ"ך איז אונזער לעגאַלער דאָקומענט."

עס ווערט דאָרט אויך אָנגעוויזן – אַ פאַקט וואָס איז אויך באַמערקט געוואָרן אין אַ רייע פון די גרעסטע צייטונגען אין די לעצטע טעג - אַז די סיבה פאַרוואָס מתנחלים באַצייכענען די שטחים אַלס יהודה ושומרון, אַנשטאָט מערב ברעג, איז ווייל דורך'ן נוצן דעם אור-אַלטן תנ"ך נאָמען פאַר דעם ראַיאָן דערמאָנען זיי זייערע תורה'דיגע טענות – עפ"ל – פאַרוואָס די שטחים קומען זיי.

די יו.עס.עי. טודעי' – די גרעסטע טאָג צייטונג אין אַמעריקע – ווייזט אויך אָן אין אַ לענגערן אַרטיקל אונטער'ן קעפל, "ישובים צורודערן ('סעטלמענטס אָנסעטל', אין ענגליש) מיטל מזרח שלום געשפרעכן", אַז רוב וואָס האָבן זיך געצויגן צו די שטחים זענען "רעליגיעזע אידן וואָס האָבן עס געזען אַלס הימלישער רעכט פאַר די אידישע מענטשן צו וואוינען אין לאַנד וואָס איז אַמאָל געווען טייל פון די פאַרצייטישע איזראַעל, וואו השי"ת האָט געערדט צום פאַטריאַרך אַברהם."

און נישט בלויז די רעליגיעזע, נאָר אויך ישראל כ"ץ, ליכוד'ס טראַנספּאָרטאַציע מיניסטער וועלכער געדענקט גאַנץ קנאַפּ די תורה, האָט געזאָגט פאַר טויזנטער וואָס האָבן געפייערט די ענדע צו די בוי איינפירונג, אַז ארץ ישראל איז דער היסטאָרישער אידישער היימלאַנד אויף וואָס מ'קען גאָרנישט מוותר זיין.

אַלוועלטליכע באַריכטן האָבן אָנגעוויזן אַז ביי זייערע צערעמאָניעס אין ענדע פון די בוי איינפירונגען, האָבן מתנחלים געבלאָזן מיט שופרות, און די באַריכטן ערקלערן אַז דאָס איז "אַ רעליגיעזער אינסטרומענט געמאַכט מיט אַ ווידער'ס האָרען." היפּאָקריטיזם האָט בכלל נישט קיין שיעור ביי די חברה, אַזוי ווייט אַז איינער פון די מתנחלים פירער, בעני קצובר, האָט זיך גאָר אויסגעדרוקט פאַר די וועלט פרעסע אַז די שלום געשפרעכן זענען אַ "גאָרנישט, בלויז אַ משיח שקר." גיי פאַרשטיי וואָס ער מיינט – און ווי קומט אַריין אַ משיח שקר ביים זיך אָפּהאַלטן פון איבערנעמען מער לאַנד - אָבער אין די וועלט פּאַסט עס אַריין אין די אַלגעמיינע געשיכטע, אַז מ'נוצט רעליגיעזע באַגריפן קעגן די שלום געשפרעכן.

עס דאַרף באַטאָנט ווערן אַז די ישובים אין די אָקופּירטע געביט זענען נישט בלויז אַ טעמע פאַר די אַראַבער, נאָר עס העצט אויף גוים איבער די וועלט וועלכע זעען זיי אַלס שליסל אָפּצושטעלן טעראָר אין די וועלט.

פאַריגע וואָך האָט דער געוועזענער פרעזידענט ביל קלינטאָן – אַן אייפערדיגער פראַ-ציוניסט – געזאָגט אַז לעזן דעם איזראַעלישן און פאַלעסטינער קאָנפליקט וועט "אַוועקנעמען העלפט פון דעם דראַנג פאַר טעראָר אין די גאַנצע וועלט – נישט בלויז אינעם ראַיאָן, נאָר אין די גאַנצע וועלט." גאָר שרעקוועדיג זענען די ווערטער פונעם עגיפּטישן פרעזידענט כאָסני מובאַראַק, פון די מעסיגסטע פון די אַראַבישע פירער, וועלכער האָט געוואָרנט אַז אויב די שלום געשפרעכן פאַלן דורך "וועלן געוואַלדטאַטן און טעראָריזם אויפרייסן אינעם מיטל מזרח און איבעראַל איבער די וועלט."

ליידער זעט די וועלט ווי די סעטלמענטס, וועלכע ווערן געשטופּט דורך פרומע אידן, זענען די סיבה פאַרוואָס די שלום מעגליכקייטן ווערן איבערגעריסן. מיר אידן מוזן אָפּטאָן דעם פאַלשן איינדרוק אַז די עקסטרעמע שטעלונגען שפּיגלען אָפּ די וויל פון גאַנץ כלל ישראל.

## חרדי'שע געגנט אין צענטער פונעם סכסוך

נישט בלויז מזרח'יסטן און ספרדים פיגורירן אין שפּיץ פון די דעבאַטע, נאָר פאַקטיש זענען צוויי ריזיגע חרדי'שע געגנט – מודיעין עילית און ביתר עילית – אין שפּיץ פון די ליסטע מיט דירות וועלכע זענען שוין באַשטעטיגט צום בויען, און זיי וועלן זיין די ערשטע מקיים פסק

...פאַריגע וואָך האָט דער געוועזענער פרעזידענט ביל קלינטאָן – אַן אייפערדיגער פראַ-ציוניסט – געזאָגט אַז לעזן דעם איזראַעלישן און פאַלעסטינער קאָנפליקט וועט "אַוועקנעמען העלפט פון דעם דראַנג פאַר טעראָר אין די גאַנצע וועלט – נישט בלויז אינעם ראַיאָן, נאָר אין די גאַנצע וועלט." גאָר שרעקוועדיג זענען די ווערטער פונעם עגיפּטישן פרעזידענט כאָסני מובאַראַק, פון די מעסיגסטע פון די אַראַבישע פירער, וועלכער האָט געוואָרנט אַז אויב די שלום געשפרעכן פאַלן דורך "וועלן געוואַלדטאַטן און טעראָריזם אויפרייסן אינעם מיטל מזרח און איבעראַל איבער די וועלט."...

צו זיין און בענעפיטירן פון אַ מעגליכקייט צו בויען אויף די שטחים. דאָס הייסט אַז די בלויז חרד׳ישע ישובים, קענען זיין די וואָס וועלן צושטעלן דעם שוועבל צום פולווער פאַס חלילה.

דאָ דאַרף טאַקע אַרויסגעברענגט ווערן דעם ווייטאָג אַז חרד׳ישע חברי הכנסת און שוויצערס, מיט זייערע פירער, האָבן אין די לעצטע צענדליגער יאָרן געלאָזט אַז געגנטן אין די אָקופירטע געביטן זאָלן פאַרוואַנדעלט ווערן אין אַזעלכע ריזיגע חרד׳ישע ישובים, וואָס רוב איינוואוינער האָבן אָנהייב אפילו נישט באַגריפן אָנהייב אַז מ׳שיקט זיין אין די אָקופירטע געביטן, און היינט גייט מען שוין לײדער נאָכ׳ן ווינט און צוליב די דירות שווערקייטן און דאָרטיגע קהלות באַזינען זיך שוין נישט די איינוואוינער און וואָס זיי טרעטן אַריין נאָר גייען נאָכן שוואונג. דאָס דאָרט באַזעצן חרד׳ישע צענטערן שטעלט אָבער די איינוואוינער און דעם כלל ישראל אין אַ געפערליכע סכנה.

דאָס אין שאַרפן קאָנטראַסט צו בית שמש, וואָס איז געווען אַ פראָיעקט פון קנאי׳שע עסקנים, וועלכע איז אויסגעשטיגן אַלס הערליכע חרד׳ישע פעסטונג אינדרויסן פון די אָקופירטע געביטן. אַנשטאָט זוכן אַזעלכע ערטער, וואָס עס זענען פאַראַן גענוג פוסטע געגנטן אין ארץ ישראל, האָבן די מלחכי פינכא אַריינגעשפילט אין די הענט פון עקסטרעמע רעגירונגען, און פון שונאי הדת וועלכע קענען באַשטיין צו פאַרשיקן די פרומע אידן אין די ערגסטע ערטער, און האָבן געלאָזט אַהין פירן צענדליגער טויזנטער משפחות וואָס אַלס רעזולטאַט פון די פאַרהאַנדלונגען קענען זיי פאַלירן זייערע היימען אַזוי ווי די איינוואוינער אין עזה; זיי געפונען זיך אין אַ לייבן-גרוב, נאָנט צו אַראַבישע געגנטן, וואו דער מצב קען זיך חלילה דערקייקלען ה״י; און דאָס צייגט פאַר די גאַנצע וועלט אַז די אולטראַ-רעליגיעזע אידן זענען די וואָס קעמפן אָנצוהאַלטן די אָקופירטע געביטן.

> ווען פרעמיער נתניה איז מאָנטאָג אַרויסגעקומען מיט אַ נייעם פאָרשלאַג, צו פאַרלענגערן די בוי איינפרירונג מיט׳ן באַדינג אַז די פאַלעסטינער אַנערקענען אַז מדינת ישראל איז ״דער נאַציאָנאַלער היימלאַנד פון די אידישע מענטשן,״ האָט די אַסאָשיעיטעד פרעס אָנגעוויזן אַז נתניה מוז עס טאָן, זייענדיג אונטער דרוק פון די רעליגיעזע פאַרטייען.

דאָס ווידערהוילט אַז אפילו אויף פשוט׳ע מאַטריאַלע געביטן, זענען די דערגרייכונגען פון די פרומע נאָכשלעפער פון די מלכות המינות אויך אין טובתם שלימה. אין די צייט וואָס חרד׳ישע עסקנים האָבן באַוויזן אויסצוטרעטן דעם וועג פאַר טויזנטער און צענדליגער טויזנטער דירות פאַר חרד׳ישע אידן אין געהעריגע געגנטן, האָבן זיי אַריינגעשטעלט פרומע פאָר-פעלקער אַלס באָפער זאָנע – אין אַנדערע ווערטער פּאָטענציעלע קאַנאָנען פלייש ה״י – אָפצושיידן צווישן די פאַלעסטינער אין די איבריגע איזראַלישע באַפעלקערונגען.

## חרד׳ישע מנהיגים ציטירט קעגן די בוי איינפרירונגען

דאָ דאַרף אויך אַרויסגעברענגט ווערן דער ווייטאָג איבער וואָס חרד׳ישע נייעס זייטלעך האָבן ציטירט פון איינעם פון די סאַמע פירער פון די ליטווישע קרייזן אַז ער זאָל האָבן געזאָגט אַז באַנייע די בוי איינפרירונגען קענען פיר צו צווייטע האָלאָקאָוסט.

עס לאָזט זיך נישט גלייבן אַז יענער האָט עס טאַקע געזאָגט, אָבער דער פאַקט אַז חרד׳ישע נייעס זייטלעך פאַרשפרייטן אַזעלכע באַריכטן, אפילו נאָך פון פיל היימישערע רבנים, איז אַנטריסטענד, און עס צייגט לײדער ווי ווייט דער אַלגעמיינער חרד׳ישער ציבור פאַרפאָרט פון די ריכטיגע דעת תורה וואָס איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען קלאָר אפילו ביי זייערע קרייזן.

די סאָרט סטעיטמענטס ווערן אויפגעכאַפּט דורך די ציו׳ניסטישע צייטונגען, וועלכע פיגורירן אויך אויף ענגליש, און מאַכן דערנאָך לייכט זייער וועג צו די אַלוועלטליכע פרעסע, באַפעסטיגנדיג דעם עקסטרעמיסטשן איינדרוק אויף די פרומסטע קרייזן, ווי גלייך זיי אַלע ווילן אָנהאַלטן די שטחים. לײדער איז כמעט נישטאָ קיין איינער וואָס זאָל אָפּשלאָגן דעם בלבול וואָס די פרומע עקסטרעמיסטן שאַפן, דירעקט און אומדירעקט, אויסער ׳נטרונא׳ וועלכע ווענדט אָן אַ רייע מיטלען צו פאַרשפרייטן אין די פרעסע אַז די שטעלונג פון דעם ערליכן אידענטום איז פונקט פאַרקערט ווי די ווילן עס אַראָפּלייגן.

## פרישע צרה: מדינה ווערט ׳אידיש׳

אויב איז נישט גענוג געווען די אַלטע פראָבלעמען, האָט די נתניה קאַבינעט איצט דורכגעפירט אַ פרישע געזעץ וואָס רופט אַרויס בייז-בלוט איבער די וועלט. עס פאַרלאַנגט אַז יעדער נייער בירגער זאָל דערקלערן געטריישאַפט פאַר ״די אידיש און דעמאָקראַטישע״ לאַנג פון איזראַעל. דאָס זעלבע, האָט נתניה מאָנטאָג זיך געלאָזט הערן אַז ער איז גרייט צו פאַרלענגערן די בוי איינפרירונג, מיט׳ן באַדינג אַז די אַראַבער אַנערקענען איזראַלע אַלס דער אידישער היימלאַנד.

די לאָיאַליטעט געזעץ – וועלכע איז דורך אין די קאַבינעט מיט די שטיצע פון אלי ישי, דער ש״ס מיניסטער וועלכער האָט גע׳טענה׳ט אַז עס איז נישט גענוג שאַרף, און מ׳דאַרף צונעמען די בירגערשאַפט און פאַרטרייבן אומלאָיאַלע בירגער, ווי עטליכע פון זיינע אַראַבישע חברי הכנסת (און דערמיט האָט ער זיך דערקלערט אַלס לאָיאַל און העכסט געטריי פאַר די מלכות המינות ה״י) – איז פאַרדאַמט געוואָרן איבער די וועלט אַלס ראַסיסטיש פאַר מאַכן אומבאַקוועם און דירעקט אויסשליסן די אַראַבישע בירגער.

פאַר אידן איבער די וועלט איז פאַראַן אַ פיל שטערקערער און פאַרקערטער זאָרג, מיט דעם וואָס דער געזעץ שליסט אַריין אַלע אידן, אַלס די וואָס די מדינה רעפרעזענטירט און דאָס איז זייער לאַנד. אַזוי אַרום העכערט עס לײדער די פאַראַנטוואָרטליכקייט וואָס עס ווערט אָנגעלייגט אויף אַלע אידן איבער די וועלט פאַר זייערע התגרות באומות, און עס העכערט לײדער די סכנה אויפן גאַנצן כלל ישראל.

עס איז מערקווידיג אַז אַן אַראַבישער חבר הכנסת חנין זועבי איז ציטירט געוואָרן אין סי.ען.ען. אַז דאָס געזעץ ״דיסקרימינירט נישט בלויז צווישן אידן און נישט אידן. עס דיסקרימינירט אויך צווישן ציונ׳יסטישע אידן און נישט-ציונ׳יסטישע אידן,״ וועלכע זענען קעגן באַצייכענען די מדינה אַלס אַ אידישע.

עס איז באַוויסט אַז דער בריסקער רב האָט אַמאָל געזאָגט אַז דער עיקר סכנה וואָס ציונות האָט געברענגט אויף כלל ישראל איז אַז זיי האָבן אַריינגעצויגן גאַנץ כלל ישראל אין איין שיף מיט זיי, און ווען עס וועט זינקען, וועלן חלילה אידן אומעטום ליידן דערפון. און די רשעי הציונים האָבן עס נישט באַהאַלטן. משה דיין האָט געוואָרנט אכזריות׳דיג ביי די יום כיפור מלחמה אַז אידן איבער די וועלט וועלן זיך נישט אַרויסדרייען אויב די מדינה פאַלט דורך, נאָר וועלן מיטגעשלעפט ווערן חלילה.

מיט דעקלאַרירן אַז די מדינה איז אַ ׳אידישע׳, ווערט כלל ישראל מער צוגעבינדן און אידענטיפיצירט דערמיט, און עס וואַקסט די סכנה אַז אידן איבעראָל זאָלן חלילה ביטער ליידן די קאָנסקווענצן פון זייערע ווילדע, אַוואַנטוריסטישע און רייצערישע שריט.

## לא עת לחשות

אין אין די איצטיגע צייטן איז קריטיש וויכטיג אַז ערליכע אידן, סיי אין ארץ ישראל און סיי איבער די וועלט, זאָלן זיך עפנטליך אָפּטרייסלען און צייגן אַז כלל ישראל איז קעגן די ווילדע בריונ׳ישע שריט וועלכע הייצן

←

אויף די גאַנצע וועלט. מיר זענען מחוייב אָפּצואוואַרפן דעם חילול ה׳ פון די רעליגיעזע מסלפי דברי אלקים חיים, די מתנחלים, ש״ס און אַנדערע וועלכע שאַפן דעם געפערליכן איינדרוק אַז אַלע רעליגיעזע אידן זענען פאַר׳ן אָנהאַלטן די שטחים פאַר יעדן פרייז.

ווי שוין באַריכטעט בעפאָר יום טוב, האָט ׳נטרונא׳ אַרויסגעלייגט אַ מעלדונג אַ וואָך בעפאָר׳ן אויסלויף פון די בוי איינפרירונג, אָפּצושלאָגן די נייעסן אַז רעליגיעזע אידן זענען קעגן פאַרלענגערן די מאָרטאָריום און זענען די וואָס שטערן דעם שלום. אין די איצטיגע וואָכן, ווען עס קומען כסדר׳דיגע אַנטוויקלונגען, און מ׳הערט אַלץ פרישע באַריכטן וועגן סטעיטמענטס אָדער די ראָלע פון רעליגיעזע אידן קעגן די שלום פראָצעדור און פאַר זיך שלאָגן מיט די אַראַבער, אַרבעט נטורנא אָפּצוענטפערן די באַריכטן, און קלאָר שטעלן אַז דאָס שפּיגעלט נישט אָפּ דעם ריכטיגן דעת תורה און עס איז קעגן די מיינונג פון שלומי אמוני ישראל.

ב״ה אַז מ׳זעט רעזולטאַטן, און פּילצאָליגע באַרימטע זשורנאַליסטן און קאָמענטאַטאָרן האָבן אויפגעהערט אָפּצופאַרבן אַלע פרומע אידן מיט׳ן זעלבן בערשטל. אַנשטאָט מעלדן אַז ׳אולטראַ-רעליגיעזע׳ בכלליות זענען די עקסטרעמיסטן, באַריכטן זייער מער ספּעציפיש די גרופּעס, ווי מתנחלים, אָדער די ספּעציפישע רעליגיעזע פּאַרטיי – אין איצטיגן פאַל ש״ס – וועלכע שטערן די פּראָצעדור. עס איז אָבער נאָך דאָ אַ געוואַלד צו טאָן געהעריג צו פאַרשפּרייטן דעם ריכטיגן דעת תורה, וואָס רבינו הקוה״ט זי״ע האָט געזאָגט אַז מ׳העט זיך געדאַרפט מוסר נפש זיין דערויף, אַראָפּצונעמען די סכנה פון כלל ישראל וואָס די ציונים ברענגען אָן.

אין נטרונא אַרבעט מען כסדר צו פאַרשטערקערן די פעולות, ווי אויך אַרבעט מען אויף אַ פאַרצווייגטע קאַמפּיין פאַר די ברייטערע גאַס קלאָר צו שטעלן אַז ערליכע אידן ווילן פרידן אינעם מיטל מזרח און זענען קעגן די אַלע רייצערישע שריט, און בכלל קעגן אַן אייגענע מדינה בעפאָר ביאת המשיח.

אין די טעג אַרבעט ׳נטרונא׳ צו לאָזן לויפן ראַדיאָ מעסעדזשעס, אויף די גרעסטע מידיאַ נעטוואָרקס, צו פאַרדאַמען און צו דערקלערן כלל ישראל אַנטריסטונג און קעגנערשאַפט צו די נתניה רעגירונג׳ס פאַרזוכן צו פראָקלאַמירן און צו אַנערקענען די מדינה אַלס דער אידישער היימלאַנד.

זעלבסט פאַרשטענדליך אַז דאָס זאָל קענען צושטאַנד קומען, איז מען אָנגעוויזן אויף די שטיצע פונעם ברייטן ציבור - תלמידי ותלמידי ותלמידי רבינו הקוה״ט זי״ע און די אַנדערע גדולים וועלכע האָבן מתריע געווען קעגן די סכנות פון מדינה הטמאה וואָס מ׳זעט היינט בחוש – צו קענען דעקן די אָנגייענדע הוצאות פאַר די מומחים אויף דעם געביט, און די ריזיגע הוצאות פאַר רעקלאַמעס א.ד.ג.

ויה״ר שיתקדש שם שמים על ידינו, ונזכה להתגלות כבוד שמים ולהתרוממות קרן התורה וישראל בביאת משיח צדקינו בב״א.

# מקום כנופיא לפריצות ר״ל

מ׳האָט אונז צוגעוויזן אַן אַרטיקל אין אַ רעליגיעזע ציונ׳יסטישע אויסגאַבע וועלכע באַהאַנדלט די געפערליכע אויסגעלאַסענקייט ביים כותל, אונטער׳ן קעפּל: **״צניעות ביים כותל? רעד צום וואַנט!״** עס האָט אונז דערמאַנט אַז דאָס איז פון די טעמים נישט צו גיין צו די פּלעצער וואָס רבינו הקוה״ט זי״ע ברענגט - נאָכ׳ן טעם פון האָבן אַ הכרת הטוב פאַר די מינים - און ליידער זעט מען אַז דער מצב איז ערגער געוואָרן פי כמה פון יענע צייטן, אַזוי ווי רבינו הקוה״ט זי״ע האָט געוואָרנט. אפילו די אגוד׳יסטישע קרייזן האַלטן עס אויך אַלס אומדערטרעגליך, אָבער ליידער קענען זיי נאָכנישט ציען די ריכטיגע מסקנות.

רבינו הקוה״ט זי״ע שרייבט אין על הגאולה, אות צ״ב, אויף די אָקופּירטע מקומות הקדושים, אַז **״בעוה״ר נעשו על ידיהם מקומות ההם למקום כנופיא לפריצות בתערובות אנשים ונשים.״** דער רבי איז זיך דאָרט מתמרמר אויף דעם חילול שבת, חילול שם שמים, איסורי כריתות פון גיין אויפן מקום המקדש. דעם קומענדיגן סימן שרייבט דער רבי זי״ע **״ומי יודע מה שיתכוננו לעשות עוד פרצות ונבלות במקום המקדש, והם לא ימנעו ולא יחדלו משום דבר מחמת הבושה או מחמת היראה וכו׳.״**

דער רבי זי״ע וואונדערט זיך דאָרט ווי אַזוי זיי וואַגן זיך דאָס צו טאָן, קעגן די פּילצאָליגע פרומע וואָס קומען אַהין מתפלל זיין, אָבער פירט אויס אַז זיי ווייסן אַז די פרומע ווערן פאַרבלענדעט און בלינד, וויבאַלד זיי די ציונים האָבן זיי געגעבן אַזאַ מקום קדוש.

ליידער שטעלט זיך אַרויס אַז דאָס אַלעס איז מקויים געוואָרן פיל מער ווי מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלן. דער אַגוד׳יסטישער אָרגאַן אַליין וואונדערט זיך פאַרוואָס יעדעס רעליגיעזע פּלאַץ איבער די וועלט, און אפילו די סעקולערע בית הנשיא אין די מדינה, קען פאַרלאַנגן פון באַזוכער נאָכצוקומען געוויסע צניעות סטאַנדאַרטן, אָבער ״פאַר עפּעס אַן אומפאַרשטענדליכע סיבה איז דער כותל אַן אויסנאַם.״ אינעם אַרטיקל שרייבן זיי אַז ביי מיטינגען האָט אפילו דער פרייער פּאָליציי פירער זיך געוואונדערט אויף דעם פאַקט.

דער שרייבער ברענגט אַרויס, צווישן אַנדערע, אַז טיכלעך וואָס מ׳האָט אַראָפּגעשטעלט ביים כותל, קומען ליידער רוב אָן צום הר הבית, וועלכע ווערט קאָנטראָלירט דורך אַראַבער, און דאָרט וואַגט זיך קיינער נישט אַריינגיין אָן קיין טיכל (אַריינגיין איז באַזונדער פאַרבינדן מיט איסורי כריתות ל״ע). יענער שילדערט ווי שווער ס׳איז דורכצוגיין די אַלע פריצות׳דיגע פאַרברענגן, ספּעציעל מאָנטאָג און דאָנערשטאָג ווען ס׳איז געוואָרן איינגעפירט ביי די פרייעסטע משפחות דאָרט אָפּצוהאַלטן בר מצוות, און אַלע באַטייליגטע קומען געמיין אָנגעטאָן.

די אויסגאַבע באַהאַנדלט אַ רייע פאָרשלאַגן און פאַרזוכן צו פאַרבעסערן די צניעות, וואָס ביז היינט האָט זיך קיין איינע נישט אויסגעאַרבעט. עס דערמאַנט אויך אַז געוויסע ראשי ישיבות האָבן שוין גע׳אסר׳ט פאַר די תלמידים צו גיין צום כותל צוליב די פריצות, אָבער עס שטעלט זיך די פראַגע פאַרוואָס אינגעלייט, בעלי בתים און די ראשי ישיבה זעלבסט מעגן יאָר אַהינגיין - זענען זיי אימיוניזירט קעגן פריצות? איין זאַך וואָס פאַלט זיי נאָכנישט ביי, אַז קומען צום כותל דורך דורכגיין און צוזען די שרעקליכע פריצות, אויף דעם פרעגט דער נביא **מי ביקש זאת בידכם רמוס חצרי.**

ליידער זעט מען בחוש וואָס רבינו הקוה״ט שרייבט אַז די חרדים ווערן פאַרבלענדעט און געבן גאָר חיזוק פאַר די מינים ופריצים דורך הייבן די צאָל באַזוכער. מי יתן אַז זיי זאָלן זיך שוין גענצליך עפענען די אויגן איבער׳ן אומגליק פון די מדינה, און די טומאה וזוהמא וואָס זיי ברענגען אויף די ערנסטע פּלעצער ה״י.

**כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ!**